STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02177

YIDISHE FOLKS VERTLAKH

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידישע פאָלקס ווערטלאך

ארויסגעגעבען פאר די אנטיילנעמער אין

קאָנטעסט פון „צייט״

יוני, 1921

פרייז 25 סענט

„די צייט״, 153 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק

באַנוצט איך מיט אייער גלייכען שכל

אַז עס איז שטענדיג פּאַר אַ מענשען בעסער און גלייכער זיך צו באַנוצען מיט דעם שכל הישר און ניט צו זוכען שפּיצלעך און אויבער־סברות, באַווייזט פאָלגענדע מעשה׳לע:

דער רבי ר׳ יהונתן אייבשיץ, רב אין האַמבורג, איז אַ חוץ זיין גרויסע גאונות, אויך געווען באַוואוסט אַלס באַרימטער וועלט־חכם און ער פלעגט זעהר אָפט ביי זיינע תלמידים פרעגען אַזעלכע פראַגען, איבער וועלכע זיי האָבען זיך געדאַרפט ברעכען די קאָפּ.

איין מאָל האָט ר׳ יהונתן געפרעגט זיינע תלמידים אַזאַ פראַגע:

— מיט וואָס קעהרט מען אויס אַ סוכה?

די תלמידים האָבען זיך אָנגעהויבען צו שאַרפען די מוחות און געבען פאַרשיידענע שפּיציגע ענטפערס יעדער איז געווען זיכער, אַז אין׳ם רבינ׳ס פראַגע ליגט באַהאַלטען אַ טיעפער מיין.

— רבי! — האָט זיך אָנגערופען איינער פון די אינגסטע תלמידים, וועלכער איז געזעסען ביים עק טיש—אַ סוכה קעהרט מען אויס מיט... אַ בעזים...

— אָט ער האָט אַ גלייכען שכל, — האָט ר׳ יהונתן געזאָגט מיט אַ שמייכעל, — איהר דאַרפט ניט מיינען, דאָס אין אַלעמען ליגען באַהאַלטען טיעפע און פאַרבאָרגענע כונות. אויב איהר וועט אייך שטענדיג באַנוצען מיט אייער שכל הישר, וועט איהר קיין מאָל ניט פאַרקריכען אין בויבעריק און אַלע מאָל און גיכער קומען צו אייער ציעל.

אַקעגען וואָס דערצעהלען מיר עס אייך?

אַקעגען אונזער קאָנטעסט „ווער־וואָס־ווען".

לייכט און איינפאַך, מיט׳ן גראַדען שכל, וועט איהר אַלע מאָל קענען טרעפען די בילדער און רעטענישען.

אידישע פאָלקס-ווערטלאַך

1. אַז מען בריהט זיך אויף הייסען, בלאָזט מען אויף קאַלטען.
2. ער היט דאָס אָפּ, ווי אַן אויג אין קאָפּ.
3. ער האָט איהם אָפּגעטאָן אויף טערקיש.
4. אָפּלעגען איז נאָר גוט קעז.
5. ער איז אַוועקגעגאַנגען, ווי די מויז פון'ם טאַנץ.
6. דאָס וואָס מען רייסט ניט אָפּ מיט גוואַלד, האָט מען ניט.
7. אָפּגערעכענט איז האַלב באַצאָהלט.
8. אָדם אַ מענש — קאַטשקע דרעה זיך.
9. אדם קרוב כאַפּ-לאַפּ-צאַפּ.
10. אַז מען איילט זיך, האָט מען אַ מיידעל.
11. אַן אָקס האָט אַ לאַנגע צונג און קען קיין שופר ניט בלאָזען.
12. אַ חסרון, די כלה איז צו שעהן.
13. מיט איין אויג זעהט ביי דיר דער בלינדער מעהר, ווי דו מיט צוויי אויגען.
14. ער געהט אוים ווי אַ ליכט.
15. אויסגעוואַנדערט אַלע לענדער, און אַהיימגעקומען אָהן הויזען און אָהן העמדער.
16. אַז מען וויינט זיך אוים, ווערט גרינגער אויפ'ן האַרצען.
17. ער זעהט אוים ווי אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא.
18. ער זעהט אוים ווי אַן אויסגעווייקטער הערינג.
19. מיט דער צייט לערנט מען אַ בער אויך אוים טאַנצען.
20. ביים אויסקעהרען די שטוב געפינט מען אַלעס.
21. די אויערען מוזען הערען וואָס דאָס מויל רעדט.
22. די ווענט האָבען אויך אויערען.
23. ער איז היינט מיט דעם לינקען פוס פונ'ם בעט אויפ־געשטאַנען.

24. ער האָט אוועקגעלייגט שער און אייזען.
25. אז דאָס אומגליק דאַרף איינעם טרעפען, טרעפט עס איהם אויפ'ן גלייכען וועג.
26. קוק דיך ניט אום, וואָרים דו וועסט ווערען אַ שטיק זאַלץ.
27. אין אורח מכנים אורח.
28. וואו עס איז איבריג, דאָרט פעהלט.
29. אַן אָפּגעשיילט איי קומט ניט גלייך אין מויל אַריין.
30. די אייער ווילען זיין קליגער ווי די הינער.
31. אוים די אויגען — אוים דעם הארצען.
32. ער לאַכט מיט גרינע ווערעם.
33. ער געהט מיט איהם ווי מיט אַ ווייך איי.
34. מען לעקט דערפון די פינגער.
35. פון איילעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס.
36. ער שפּילט אַן אָפּגעגעס איין און דרייסיג.
37. מאַך עס דיר איין אין זויערען.
38. ער האָט איהם איינגעזייפט.
39. וואָס אַלטע קייען, טוען יונגע שפּייען.
40. וואָס עלטער, אַלץ קעלטער.
41. אַן אַלטער ברעכט און אַ יונגער בויט, איז נאָך ניט גלייך.
42. ער האָט אָנגעכאַפּט גאָט ביי די פּיס.
43. אַן אָקס געהט קיין אַלמיץ, און קומט פאָרט צוריק אַן אָקס.
44. מען מוז אויסהערען ביידע צדדים.
45. דער אָקס ווייס ניט פון זיין גבורה.
46. אַראָפּ פון מארק.
47. אַרבייט איז קיין שאַנד.
48. ער האָט איהם אַרויסגעוואָרפען אויף צוויי שפּענדלעך.
49. פון איטליכען הויז טראָגט מען עפּעס אַרויס.
50. ער לויפט אַרום ווי אַ פאַר'סמ'טע מויז.

51. וואָס מען כאַפּט אַריין, איז פאַרפאַלען.
52. אָרעם איז קיין שאַנד, אָבער אויך קיין גרויסער כבוד.
53. אַז אַן אָרעמאַן דערזעהט אַ גראָשען, שפּרינגט ער פון דער הויט אַרויס.
54. אַלע אָרעמע לייט האָבען גוטע הערצער.
55. אַן אָרעמאַן איז ווי אַ לעבעדיגער זאַק.
56. אַ באַרג מיט אַ באַרג קומט זיך ניט צונויף, אָבער אַ מענש מיט אַ מענש — יאָ.
57. אויף אַ פרעמדער באָרד איז זיך גוט צו לערנען שערען.
58. אַ בהמה בלייבט אַ בהמה.
59. אַ בוים בויגט זיך נאָר, ווען ער איז יונג.
60. אויף אַ יונגען בוים שפּרינגען אַלע ציגען.
61. אַ בחור ווי אַ בוים, אַ מויד ווי אַ צימעס.
62. אַז מען קען ניט בייסען, זאָל מען די צייהן ניט ווייזען.
63. בינד מיך אויף אַלע פיער און וואַרף מיך צווישען די מייניגע.
64. אַ ביסעל און אַ ביסעל, ווערט אַ פולע שיסעל.
65. אַ פרעמדער ביסען שמעקט זיס.
66. דער בעסטער ביסען קומט אַן דעם ערגסטען קינד
67. וואָס קומט אַרויס פון דעם גוטען ביער אין שלעכטען פאַס?
68. פון אַ בית־עולם טראָגט מען ניט צוריק.
69. איטליכער בעל־דרשן דרש'ענט פון זיינטוועגען.
70. אַ שטוב אָהן אַ בעל־הבית'טע, איז ווי אַ וואָגען אָהן רעדער.
71. אַ בעל מלאכה שטאַרבט ניט פאַר הונגער.
72. בעסער דאָס ביטערע בלאָט פון גאָט, איידער דאָס זיסע פון מענשען.
73. בעסער איין גוטער פריינד, איידער צעהן פיינד.
74. בעסער דעם בעקער, ווי דעם דאָקטאָר.

75. בעסער פיער אין פריידען, איידער צוויי אין ליידען.
76. פאַר ברויט גיט מען אָפּ שטיינער.
77. צו ברויט געפינט מען שוין אַ מעסער.
78. די אייער זיינען טאָקע קליגער ווי די הינער, נאָר זיי ווערען באַלד פאַרשטונקען.
79. אין אַ ברונעם, וואָס מען האָט פון איהם וואַסער געטרונקען, זאָל מען קיין שטיין ניט אַריינוואַרפען.
80. אַז גאָט גיט מיט׳ן לעפעל, גיבען מענשען מיט׳ן שעפעל.
81. מען מעג עס מיט אַ קויל אין אויווען אַריינשרייבען.
82. אַז גאָט וויל שיסט אַ בעזים.
83. גאָט באַשערט דעם טרינקער זיין וויין און דעם שפּינער זיין פלאַקס.
84. מיט איין האַנט שטראָפט גאָט, און מיט דער אַנדערער בענשט ער.
85. אַ גאַסט אויף אַ ווייל, זעהט אויף אַ מייל.
86. דריי טאָג איז מען אַ גאַסט — שפּעטער ווערט מען אַ לאַסט.
87. אַ משכון זאָל מען פאַרזעצען און אַן עושר זאָל מען זיין.
88. ביים גלעזעל געפינט מען אַ סך פריינד.
89. אויפ׳ן גנב ברענט דאָס היטעל.
90. אַז מען דאַרף האָבען דעם גנב, שניידט מען איהם אָפּ פון דער תליה.
91. ניט די מויז איז דער גנב, נאָר דאָס לאָך איז דער גנב.
92. אַז מען גיט ניט יעקב׳ן, גיט מען עשו׳ן.
93. עס איז ניטאָ מיט וועמען צום טיש צו געהן.
94. איינער האָט דעם בייטעל, דער אַנדערער דאָס געלט.
95. געלט געהט צו געלט.
96. ריבאַ, פיש — געלט אויפ׳ן טיש.
97. ווער עס גראָבט אַ גרוב פאַר אַנדערען, דער פאַלט אַליין אַריין.
98. גרויע האָר זיינען קברות-בלעטלעך.

99. מיט פרעמדע הענט איז גוט פייער צו שאַרען.
100. אז מען האַקט האָלץ, פליהען שפענער.
101. נעבען אַ שווערען וואָגען איז גוט צופוס צו געהן.
102. אַז מען קלאַפּט אָן, עפענט מען.
103. אַז דאָס האַרץ איז פול, געהען די אויגען איבער.
104. מען מוז זיך אַמאָל מאַכען דאָס האַרץ פון שטיין.
105. לאָזט אַ הונט אויף דער באַנק, שפּרינגט ער אויפ'ן טיש.
106. ער געהט פון זיין מאַמע'ס סדור'ל ניט אַרויס.
107. עס קלעפּט ווי אַרבעס אָן דער וואַנט.
108. אַז דער וואָגען פאַלט, זיינען די רעדער צו שווער.
109. אַ בייטעל אָהן געלט איז נאָר אַ שטיק לעדער.
110. ער זוכט אַ נאָדעל אין אַ וואָגען היי.
111. ער זיצט אין געהאַקטע וואונדען.
112. ווענט האָבען אויערען, גאַסען האָבען אויגען.
113. גיס ניט אַרויס דאָס אומריינע וואַסער, כל זמן דו האָסט ניט דאָס ריינע.
114. איינעם וואַרפט מען אַריין, דעם אַנדערען וואַרפט מען אַרויס.
115. ער ציהט איהם ביי דער צונג.
116. מען זוכט עס מיט ליכט.
117. ער זוכט אַ שפּילקע אין אַ וואָגען היי.
118. אַז מען כאַפּט, בריהט מען זיך אָפּ.
119. עס ווענדט זיך, ווי דער חמור שטעהט איין.
120. אַ שטעקען האָט צוויי עקען.
121. חסרונות זעהט מען נאָר ביי יענעם.
122. אַז מען לעבט אָהן חשבון, שטאַרבט מען אָהן ווידוי.
123. אַ ריינער חשבון איז אַ האַלבער סילוק.
124. חתן—כלה האָבען גלעזערנע אויגען.
125. מען זאָל ניט געפּרואווט ווערען צו וואָס מען קען געוואוינט ווערען.

126. אײדער דער טאַטע איז געבוירען געוואָרען, שטעהט שוין דער זוהן אויפ'ן דאַך.
127. די טאָכטער שטראָפט מען, די שנור מיינט מען.
128. אַ טאַנץ פארגעהט ניט פאַר קיין עסען.
129. פאַר וואָס טאַנצט דער בער? — ווייל ער האָט קיין ווייב ניט.
130. איטליכעס טעפעל געפינט זיך זיין שטערצעל.
131. מיט דעם וואָס דער טאָפּ איז אָנגעברענט, דערמיט שטינקט ער.
132. קײנער טוט ניט יענעם, נאָר זיך אַליין.
133. עס טוט זיך אויף טיש און אויף בענק.
134. אַריין איז די טיר ברייט, אָבער אַרויס איז זי שמאָל.
135. פון וואָס מען רעדט, קומט מען אַלץ אַרויף אויפ'ן טויט.
136. אַ טויטען טראָגט מען ניט צוריק.
137. אין אַ גרויסען טייך כאַפּט מען גרויסע פיש.
138. ווער עס טראָגט צו מיר, טראָגט אויך פון מיר.
139. אָדער טרעף, אָדער פעהל.
140. אַ גוטער איד דאַרף קיין בריעף, אַ שלעכטען אידען העלפט קיין בריעף.
141. ער טרעפט גלייך אין מויל אַריין.
142. איטליכער איד האָט זיך זיין פעקעל.
143. ווען זינגט אַ איד? — ווען ער איז הונגעריג.
144. אַ אידיש עשירות איז אַ מאַרצאָווע שניי.
145. מיט אַ אידען איז גוט קוגעל צו עסען — נאָר ניט פון איין טעלער.
146. די אייגענע יענטע, נאָר אַנדערש געשלייערט.
147. דער שעהנסטער כבוד איז, אַז מען זיצט אין דער היים.
148. כח געפינט מען נאָר אין דער שיסעל.
149. כעס איז עבודה זרה.

150. אַ כשר'ער טאָפּ און אַ כשר'ע לעפעל.
151. טאַטע, דו לאַכסט? אַז אָך און וועה איז צו דיין גע־לעכטער.
152. עס לאַכט זיך אַליין, עס וויינט זיך אַליין.
153. עס איז ווערט אַן אויסגעבלאָזען איי.
154. אַט אַזוי קאָכט מען די לאָקשען.
144. וואָס ביי אַ ניכטערען אויף דער לונג, איז ביי אַ שכור'ען אויף דער צונג.
156. איך האָב דיך ליעב, ווי אַ פאַרפוילטע ריב.
157. איך האָב דיך ליעב פון דער ווייטענס.
158. אַ ליגנער מוז האָבען אַ גוטען זכרון.
159. ער איז אַן אויסגערייכערטע ליולקע.
160. ער האָט איהם געוויזען אַ לעקעכעל.
161. אַ גאָלדענער שליסעל עפענט אַלע טירען.
162. איך מאַן, דו ווייב — איך שלאָג, דו שווייג.
163. אַ מאַן ווי אַ מויז און אַ ווייב ווי אַ הויז, איז נאָך ניט גלייך.
164. בעסער אַז דער מאַן שמעקט מיט ווינט, ווי מיט רויך.
165. איך בין דיר מוחל דיין האָניג און וויל ניט דיין בים.
166. אַז מען קען ניט בייסען, זאָל מען די צייהן ניט ווייזען.
167. ער האָט מורא די הענט אין קאַלטען וואַסער אריינ־צוטאָן.
168. אַז מען האָט די מטבע, האָט מען די דעה.
169. מיין און דיין און אונזערע.
170. עס איז ניט אויף דיין מיסט געוואַקסען.
171. אַז מען רופט דעם מלאך, קומט דער גלח.
172. אַ מלאכה איז אַ מלוכה.
173. אַ מענש איז אַמאָל שטאַרקער פון אייזען, און אַמאָל שוואַכער פון אַ פליג.
174. אַז מען בלאָזט, ווערט קאַלט.

175. וואָס דער מענש טוט זיך אַליין, וואָלטען איהם קיין צעהן שונאים ניט געטאָן.
176. מען קען קיין מענש ניט דערקענען, ביז מען האַנדעלט ניט מיט איהם.
177. ניט אַלעס איז גאָלד וואָס עס גלאַנצט.
178. צוויי מתים געהען טאַנצען.
179. אַז מען קוקט ניט צו מיט די אויגען, דערלעגט מען מיט דער קעשענע
180. די מעשה האָט שוין אַ באָרד.
181. מען לויפט ווי נאָך מצה־וואַסער.
182. אַז צוויי מתים געהען טאַנצען, ווער וואַרפט אין צימבעל אריין?
183. מען קען ביים ברעג אויך דערטרונקען ווערען.
184. אַז אַ נאַר וואַרפט אַ שטיין אין ברונעם אַריין, קענען איהם קיין צעהן קלוגע ניט אַרויסנעמען.
185. אַז מען שיקט אַ נאַר אויפ'ן מאַרק, פרעהען זיך די קרעמער.
186. איין נאַר מאַכט אַ סך נאַראָנים.
187. מען מעג עסען, אָבער ניט פרעסען.
188. דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פונ'ם בוים.
189. אָדער דער פריץ וועט פגר'ען, אָדער דער הונט וועט פגר'ען.
190. ווער עס קען קיין פולווער ניט שמעקען, דער זאָל ניט געהן אין דער מלחמה אַריין.
191. השמר לך פּען!
192. ער איז געשלאָגען אויף דער פּען.
193. עס איז דאָרט דאָ פון פויגעל־מילך.
194. דעם פויגעל דערקענט מען נאָך די פעדערען.
195. אַז מען איז פויל, האָט מען ניט אין מויל.
196. המבדיל בין קודש לחול, ווער עס האָט געלט, דעם איז וואויל.

197. אז מען גנב'עט ארויס דאס פערד, שליסט מען צו די שטאל.
198. פון א גוט פערד איז כאטש כדאי אראפצופאלען.
199. ווי מען שמירט, אזוי פאהרט מען.
200. וואו צוויי איז ער דער דריטער.
201. ער קען צונויפפיהרען צוויי ווענט.
202. ער שטעלט איהם צו א בענקעלע.
203. אז די קאץ וואשט זיך, ועלען זיין געסט.
204. א קאץ קען אויך קאליע מאכען.
205. צוויי קעץ אין איין זאק קענען קיין שלום ניט האבען.
206. אז מען האט ארויסגע'גנב'עט די קוה, מאכט מען דער־נאך צו די שטאהל.
207. הערען, זעהן און שווייגען.
208. אז מען קלאפט אויפ'ן טיש, רופט זיך אן די שער.
209. אז מען קלייבט צופיעל, פאלט מען אין א בלאטע אריין.
210. אז גלאז צוברעכט זיך, איז א סימן אויף גוטען.
211. אז דער קצב געהט אוועק, שפרינגט דער הונט אויפ'ן קלאץ.
212. א קראנקען פרעגט מען, א געזונטען גיט מען.
213. ארעמע קרובים זעצט מען הינטער'ן אויווען.
214. דאס קריגעל געהט אזוי לאנג צום וואסער, ביז דאס אויער רייסט זיך אפ.
215. אזוי לאנג ווי דאס רעדעל דרעהט זיך, דרעהט עס זיך.
217. פרעג ניט דעם רופא, נאר דעם חולה.
218. ער רייסט זיך אויף די גלייכע ווענט.
219. ער רעדט פאר פייער און פאר וואסער.
220. פתח שין — שא!
221. אז מען שערט די שאף, ציטערען די לעמער.
222. אן אלטער שארבען איבערלעבט א נייעם טאפ.

223. איין שוואַלב קען קיין זומער ניט מאַכען.

224. קיינער ווייסט ניט וועמען דער שוך קוועטשט.

225. אַלע שוסטערס געהען באָרוועס.

226. אין צווייען איז שטאַרקער.

227. אַז דער שטיין ליגט אויף איין אָרט ווערט ער אויך באַוואַקסען מיט גראָז.

228. שטעה ניט אונטער'ן וואנט, וועסטו ניט הערען דיין אייגענע שאַנד.

229. אַז מען וואַרפט אַ שטעקען אין דער וואַנט, בלייבט ער שטעקען.

230. אַ ברונעם שעפט זיך אויך אוים.

231. וואו מען וואַרפט אַ שטעקען, געפינט מען אַ הונט.

232. שלאָג דיר קאָפּ אָן וואַנט.

233. אַ שלאָס איז נאָר געמאַכט געוואָרען פאַר אַן עהרליכען מאַן.

234. פיער אויגען זעהען מעהר ווי צוויי.

235. דאָס שמאַלץ רינט אוים און דער גרוב בלייבט.

236. אַז מען שמירט, פאָהרט מען.

237. דער גוי איז טריף, זיין גראָשען איז כשר.

238. אַ שנור מיט אַן אײדים זיינען אַ פּאָר שדים.

239. אַלע שעה אַן עס־לעפעל.

240. איטליכער שענקער לויבט זיין ביער.

241. ער שרייבט קאָטשערעס און לאָפּעטעס.

242. די תורה האָט זיך אין איהם געצונדען.

243. וגער עס פרעגט, דער בלאָנדזשעט ניט.

244. אַז מען ציהט צו שטאַרק די סטרונע, מוז זי פּלאַצען.

145. אזוי ווי מען שפּ"לט, אזוי טאנצט מען.

246. עס איז ניטאָ אַ רויז אָהן דערנער.

247. ווי מען בעט זיך אזוי שלאָפט מען.

248. אז מען קען ניט אַריבער, מוז מען ארונטער.

249. ווער עס האָט קינדער אין די וויגען, מוז לאָזען לייטען צופרידען.

250. פון על־חטא ווערט מען ניט פעט.
251. נאָך אַ שרפה ווערט מען רייך.
252. ווען עס פאַלט, פאַלט עס מיט דער פוטער אַראָפּ.
253. אויף אַ מויל איז קיין שלאָס ניטאָ.
254. פאַר אַ געשלאָגענעם הונט טאָר מען קיין שטעקען ניט ווייזען.
255. ווען פרעהט זיך דער הויקער?—ווען ער זעהט אַ גרעסערען פון זיך.
256. מיט איין שוועבעלע קען מען פאַרברענען אַ גאַנצע שטאָדט.
257. אַ נאַר ווייזט מען ניט אַ האַלבע אַרבייט.
258. איין אויג וויל אויך שלאָפען.
259. דער זאַטער גלויבט ניט דעם הונגעריגען.
260. פון טויט קען מען זיך ניט אויסקויפען.
261. ער האָט אויסגעביטען אַ שוך אויף אַ לאַפּטשע.
262. ווי קומט די קאַץ איבער'ן וואַסער?
263. ער האָט איהם אָנגעהאַנגען אַ לונג־און־לעבער אויפ'ן נאָז.
264. לייג ניט אַ געזונטען קאָפּ אין אַ קראַנקען בעט.
265. מען קען ניט כאַפּען די פיש פאַר די נעץ.
266. אַ גוטען העלפט אַ וואָרט, אַ שלעכטען העלפט אפילו קיין שטעקען אויך ניט.
267. אַז עס איז באַשערט איינעם דערטרונקען צו ווערען, ווערט ער דערטרונקען אין אַ לעפעל וואַסער.
268. אַ געשאָנקענעם פערד קוקט מען ניט אין די ציין.
269. דאָס איז אַ האַרטער נוס צום קנאַקען.
270. זאָל ער בילען ווי אַ הונט.
271. וואַרף איהם אַ קאַץ אין די אויגען.
272. געשטאָרבען, באַגראָבען און אַראָפּ פון מאַרק.
273. אַז מען קלינגט איז אַ חגא.
274. ער קאָכט ווי אַ קעסעל.

275. די פעדער איז שטארקער ווי דער שווערד.
276. שטעק איהם נישט קיין פינגער אין מויל אריין, ווארים ער וועט איהם אפבייסען.
277. ער רעדט זיך איין פויגעלעך אין בוזים.
278. ער לייגט די צייהנער אויף די פאליצע.
279. אמאל דארף מען אן אויג צו מאכען.
280. ליידיגע הענט מאכען קאליע די ווענט.
281. אז דאס ווייב גערט אין ספאדעק, גערט דער מאן אין פאנטאפעל.
282. בעסער א לעבעדיגער הונט ווי א טויטער לייב.
283. איין פאטער קען אויסהאלטען צעהן קינדער, אבער צעהן קינדער קענען איין פאטער נישט אויסהאלטען.
284. פון א חזיר א האר אויסרייסען איז אויך גוט.
285. ער האט צוזאמענגעשלעפט א בארג מיט א בארג.
286. חתן, מאך דיר א הארץ
287. אז מען וויל אפטאן דעם בעל־העגלה א שפיצעל, גערט מען ביים וואגען צופוס.
288. ער האקט ווי אין קרויט אריין.
289. די אויגען זיינען גרעסער ווי דאס מויל.
290. ער איז אהיימגעקומען מיט'ן בייטשעל.
291. אז מען אנטלויפט פאר פייער, באגעגענט מען דאס וואסער.
292. ביי א פעטען טאפ איז זיך גוט צו רייבען.
293. ער איז הייס געבאדען.
294. אז מען האט נישט קיין ברויט, איז ערגער ווי דער טויט.
295. בייטאג צום גט—ביינאכט צום בעט.
296. ביים גלעזעל געפינט מען א סך פריינד.
297. אהן געלט איז קיין וועלט.
298. געלט איז קיילעכיג, אמאל דא און אמאל דארט.
299. וואס די ערד דעקט צו, מוז פארגעסען ווערען.
300. א געפאלענעם טרעט מען נישט מיט די פיס.